# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת ויצא

# מ'קען נישט פליען

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י

הרב **ר' יואל קליינבערגער** שליט"א

לרגל נישואי בתו תחי' עב"ג הבה"ח המו"מ בתו"י **ישראל** ני"ו

בן הרה"ג **שמחה אהרן שטראהלי** שליט"א

רב דקהל שערי איש ודומ"ץ קהל עדת יראים וויען

ויה"ר שיזכו לבנות בית נאמן בישראל ולדורות ישרים ומבורכים

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג**
**ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן ארייננצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

זייט מנדב 5000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ויצא

שנה ג׳

# מ׳קען נישט פליען

תוכן:

חלק א. ביז צום באשעפער

חלק ב. אלעס איז דער באשעפער

חלק ג. נאר פאר׳ן באשעפער

## חלק א. ביז צום באשעפער

### די באוואוסטע מראה

ווען יעקב אבינו האט פארלאזט באר שבע און זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו פדן ארם, האט ער געוואוסט אז ער קען נישט דורכמאכן אזא לאנגע רייזע אין איין טאג. ווי שטארק ער האט געוואלט אנטלויפן פון עשו׳ס צארן, האט ער זיך געמוזט אפשטעלן אינמיטן וועג זיך צו לייגן שלאפן ערגעץ אין א זייט. און דאס איז געווען אין איינע פון די נעכט, בשעת ער איז געשלאפן אין זייט פון וועג, ווען עס האט זיך אנטפלעקט צו אים דער באוואוסטער חלום, די מראה פונעם לייטער. ער האט געזען א **סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה**- א לייטער וואס איז געשטאנען אויף ד ערד, **וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה** - און דער שפיץ האט דערגרייכט ביז צום הימל.

אלזא, אזא מורא׳דיגע נבואה דארף מען דורכטון באריכות, ווייל דאס האט נישט געמיינט בלויז פאר יעקב אבינו אליין - דאס איז פאר אונז אויך. מיר האבן א גרויסן יסוד אז מעשה אבות סימן לבנים, אלעס וואס האט פאסירט צו אונזערע אבות איז שייך צו וואס עס גייט פאסירן אויך צו אונז; און כאטש מיר לערנען געווענליך אפ דעם יסוד אויף כלליות׳דיגע פאסירונגען אויף דאס גאנצע פאלק, איז אבער דער אמת אז יעקב אבינו׳ס לעבנס געשיכטע וואס די תורה דערציילט, מיינט אויך צו דינען אלס אנווייזונגען פאר׳ן לעבן פאר יעדן פערזענליכן איד.

דורך לערנען פון יעקב אבינו׳ס לעבן, דער רעכטפארטיגער איד, לערנען מיר ווי אזוי צו האנדלען ביי פארשידענע שוועריקייטן אין לעבן, די גוטע צייטן און שווערע צייטן אין עולם הזה, און שטייגן אין עבודת ה׳. אזוי וועט מען מצליח זיין און אויסשטייגן אלס עבד ה׳ און לעבן א גליקליך לעבן.

און דערפאר וועט עס נישט זיין א שאד אויף אונזער צייט אויב מיר זאלן פרואוון צו ארויסנעמען עטליכע לערעס פון די אויסטערלישע מראה. וויפיל צייט מיר זאלן אפגעבן צו פראבירן פארשטיין

דעם "לייטער וואס האט דערגרייכט ביז צום הימל," וועט עס אונז צוניץ קומען, נישטא קיין ספק אין דעם.

## א לייטער צום באשעפער

די ספרים זאגן אונז אז צווישן די לערעס וואס מיר דארפן אפלערנען דערפון, איינע פון די וויכטיגסטע דערפון, איז אז די וועלט איז א לייטער צו ארויפקריכן. א לייטער, ווייסט איר, איז נישט געמאכט אויף צו שטיין גלייך און ס'איז נישט אויף צו גיין אין די ברייט. עס ווייזט אויף עלי', גיין ארויף. דאס מיינט אז ס'איז דא "א לייטער אויפ'ן ערד," א לייטער פון שלימות, וואס ווארט פאר אונז צו ארויפקריכן, וואס קען ברענגען יעדן מענטש "ביז צום הימל". עולם הזה איז א געלעגנהייט צו ארויפקריכן אויף א לייטער פון ארויפגייענדע טרעפלעך, וואס ווייזט אויף שטייגן און זיך אויסארבעטן; און מיר זענען ערוואַרטעט צו אויסניצן אונזער צייט אויף די וועלט צו שטייגן העכער און העכער.

אצינד לייגט צו אויפמערקזאמקייט, ווייל די ערשטע זאך וואס מיר דארפן וויסן איז וואס עס ווארט אונז אפ ביים שפיץ פונעם לייטער. צו וואס קריכן מיר ארויף? און דער ענטפער איז איין זאך: הקדוש ברוך הוא! **וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו** - אט, דער באשעפער איז דער וואס שטייט ביים שפיץ פונעם לייטער. דאס איז דער ציל פון ארויפקריכן, צו קומען וואס נענטער צום באשעפער; און קיין שום זאך איז נישט וויכטיגער ווי דאס. אזוי זאגט דוד המלך: **וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב** - דאס בעסטע גוטס פאר מיר, די וויכטיגסטע גוטס צו וואס א מענטש קען אנקומען, איז צו ווערן נאנט צום באשעפער.

**גדולה דעה** - ווי גרויס איז די דערגרייכונג פון זיין באוואוסטזיניג צום באשעפער (סנהדרין צב.)! א מענטש'ס הצלחה אין די וועלט ווערט געמאסטן לויט וויפיל באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער ער איז קונה (מורה נבוכים א:נד), און "דער שפיץ פונעם לייטער דערגרייכט ביז צום הימל", מיינט אז דער איינציגסטער וועג צו דערגרייכן צו הצלחה, דער איינציגסטער וועג צו אנקומען צום באשעפער, איז דורך ארויפקלעטערן. דאס איז וואס יעקב'ס לייטער באדייט - א לייטער צו דערגרייכן צו שלימות אין באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער.

## טריט ביי טריט

אלזא, פיל מענטשן קענען טראכטן, פארוואס א לייטער? ווער דארף א לייטער? זאלן מיר האבן פליגלען און מיר וועלן ארויפפליען! דאס מיינט, "איין מאל איך באשליס אז איך וויל זיין נאנט צום באשעפער, אז איך וויל לעבן ערפאלגרייך, וועל איך עס טון - איך וועל ארויפפליען צו אים. לייטערס?! די איינציגסטע זאך וואס האלט מיר צוריק איז אז איך האב נאכנישט אנגעהויבן אבער, איינמאל איך נעם זיך דערצו, דארף איך נישט גיין קיין קינדערישע טריט - איך וועל גראד ארויפפליען צו הצלחה."

ניין; די מראה וואס יעקב האט געזען אין יענע נאכט לערנט אונז דעם געוואלדיגן מוסר השכל אז מיר פליען נישט; מיר דארפן ארויפקריכן טריט ביי טריט. עס זענען דא טויזנטער שטאפלען צו ארויפקריכן; קליינע טריט וואס מיר דארפן נעמען יעדן טאג. עס איז אוממעגליך צו לייגן דיין פיס אויף א העכערן טרעפל נאר אויב דו קריכסט ארויף אויף די נידריגערע שטאפלען ערשט.

ארויפקריכן א לייטער מיינט טון נאכאמאל און נאכאמאל - איין טריט ארויף דערנאך נאך איינע און נאך איינע. דאס מיינט אז אויב מיר ווילן מצליח זיין אויף די וועלט דארפן מיר אנהייבן א גאנג פון טון זאכן, קליינע מעשים וואס אנדערש וואלטן מיר דאס נישט געטון, מיט די כוונה צו שטייגן ארויף אויפ'ן לייטער. דו וועסט איבערטון די זעלבע זאך נאכאמאל און נאכאמאל אבער יעדע מאל וועסטו האבן ארויפגעקלעטערט אביסל העכער; ביסט מער נישט אויפ'ן זעלבן ארט - ביסט אפילו נישט דער זעלבער מענטש.

## גוטע היפאקראטיע

אין אנהייב זענען מענטשן אן קיין חשק צו טון אזא זאך, נאכאנאנד צו איבער'חזר'ן די זעלבע מעשים, ווייל זיי שפירן נישט אז זייער קאפ איז אינגאנצן דערביי מיט די מעשים וואס זיי טוען אדער מיט די ווערטער וואס זיי זאגן - ס'איז בלויז א פראגראם וואס זיי טוען נאכפאלגן און דערפאר באטראכטן זיי זיך נישט ווי זיי ריקן זיך בכלל ארויף אויפ'ן לייטער.

דערפאר איז וויכטיג צו וויסן אז עד כאן דברי יצר הרע - אזעלכע מחשבות זאלן דיר נישט אנטמוטיגן. צוערשט מוז מען זיין א היפאקראט. דאס איז גוטע היפאקראטיע - אבער דו טוסט עס זיך צו טרענירן. 'ס'איז אינגאנצן נישט אמת'דיג,' טראכסטו, 'אבער כ'וועל עס סייווי טון, כ'וועל ווייטער קלעטערן ארויף און מיט די צייט וועלן די געהויבענע השגות פון לויטערע אמונה ווערן א טייל פון מיין פערזענליכקייט.'

## טיפקייט אין אמונה

נישט ווי א מענטש האט מיר לעצטנס געזאגט, "איך האב אמונה; איך גלייב און דאס איז גענוג." דער אמת איז אז ער האט א געוויסע דרגה אין אמונה. ער האט אמונה שכלית; ער פארשטייט אז אונזער מסורה איז דער איינציגסטער אמת און איך בין זיכער אז דער מענטש וואלט אפילו געלאפן אין פייער פאר קידוש ה'.

אבער דאס מיינט נישט אז ער האט אמת'ע אמונה. אמונה מיינט אז דו גלייבסט אין באשעפער, כאטש פונקט וויפיל דו גלייבסט אז דו האסט, צום ביישפיל, א פעטער מאריס ערגעץ אין די בראנקס. דו ביסט מאמין באמונה שלימה אין דיין פעטער מאריס. דיין מאמע דערציילט דיר איבער אים א גאנצע צייט און דו האסט אים אפילו איין מאל באגעגנט ביי דיין בר מצוה - ער האט דיר געגעבן א מתנה. דו באזוכסט אים נישט, ער באזוכט דיר נישט, אבער דו ווייסט אז דו האסט א פעטער אין די בראנקס. דאס איז אמונה! אלזא, אויב וועסטו גלייבן אין באשעפער כאטש אזויפיל וויפיל דו גלייבסט אין דעם פעטער, דאן שטייסטו גאנץ גוט! איך וויל דיר קאמפלימענטירן!

אבער אויב דיין אמונה אין באשעפער איז בלויז אמונה שכלית, אויב ס'איז בלויז פון פארשטאנד - איז עס אויפ'ן בעסטן אופן זייער פארנעפלט; ס'איז נישט באמת דא, ס'איז נישט קיין אמת'ע אמונה. ס'איז נאר אין דיין קאפ; דו נעמסט אן דעם געדאנק אבער ס'איז נאכנישט א טייל פון דיר. אמת'ע אמונה וועט נאר קומען אויב דו הייבסט אן ארויפקלעטערן דעם **סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה**- דעם לייטער וואס שטייט אויף די ערד, **וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה** - וואס דער שפיץ דערגרייכט ביז צום הימל.

## דער ערשטער פראגראם

אלזא, וועלן מיר אראפגעבן אביסל צייט צו דורכטון עטליכע פראגראמען - אפאר לייטערס אויף וועלכן מיר קענען אנהייבן ארויפקריכן צום וועג פון באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער. דו קענסט פראבירן איינע דערפון אדער אויב דו ביסט באמת ערנסט דערביי קענסטו פראבירן אלע פון זיי אויפאמאל, אבער סיי וואס עס זאל זיין, דארפסטו האלטן אין קאפ אז נאר די קליינע נאכאנאנדע טריט וועלן דיר פירן צום שפיץ.

אצינד, וועלן מיר אנהייבן קלעטערן אינאיינעם אויף דעם לייטער פון אמונה אנצוקומען צום באשעפער.

פראגראם נומער איין: יעדן טאג, כאטש איין מאל אינמיטן טאג, שטעל זיך אפ פון וואס דו טוסט און רעד פאר איין מינוט צום באשעפער. האסטו דאס שוין אמאל געטון?! פאר איין גאנצע מינוט אויפ'ן

זייגער, רעד צום באשעפער - עס איז זייער א ווערדפולע דערגרייכונג אויב א מענטש קען זיך איינגעוואוינען צו רעדן צום באשעפער איין מינוט יעדן טאג.

"אבער," וועסטו זאגן, "איך האב געדאווענט." אה ניין; דאס איז נישט גענוג. איך ווייס דו האסט געדאווענט אבער דאס מיינט בלויז נאכגיין דעם אויסגעטראטענעם וועג וואס יעדער טוט. ס'איז גוט, ס'איז זייער גוט, און דו מוזט אויך דאווענען, אבער דו זאגסט ווערטער פון געוואוינהייט און מיר ווילן מער ווי דאס.

## די וויכטיגסטע מינוט

אלזא, אין די ערשטע מינוט וועט עס זיין זייער אויבערפלעכליך. דו וועסט זיך אפילו שפירן אביסל פארשעמט. עס פילט זיך אינגאנצן נישט אמת'דיג - דו פילסט אפשר א מיליאן מייל, א מיליאן טרעפלעך אויפ'ן לייטער, ווייט אוועק פון דעם אמת'ן געפיל פון זיך דורכשמועסן ווי מיט א חבר. אבער דו מוזט וויסן אז דורכדעם וואס דו טוסט עס איינמאל יעצט - אפילו דו טוסט עס בלויז צוליב אונזער פראגראם - איז דאס א מיליאן טרעפלעך אראפ איינס. דו ביסט ארויף איין טרעפל און דאס איז שוין א ריזיגע דערגרייכונג.

למעשה, נאר צו הערן דערוועגן וועט דיר גארנישט העלפן; דו דארפסט זיך נעמען דערצו עס אויסצופירן. שטעל זיך פאר דו גייסט אין גאס און ווען קיינער הערט דיר נישט שטעלסטו זיך אפ פאר א מאמענט און דו נעמסט זיך רעדן צום באשעפער; סיי וואס דו זאגסט, עס מאכט נישט אויס. דו קענסט זאגן, "באשעפער, העלף מיר אין מיין פראגראם אז איך זאל מצליח זיין. איך וויל אנהייב צו ארויפקריכן דעם לייטער אויפ'ן וועג צו ווערן מער באוואוסטזיניג צו דיר און איך דארף דיין הילף. העלף מיר געדענקען צו רעדן צו דיר איין מאל אין טאג פאר איין גאנצע מינוט." רעד צו אים איבער דעם פאר א גאנצע מינוט. ס'איז איין מינוט פון זיך טרענירן און קונה זיין באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער; דאס קען זיין די וויכטיגסטע מינוט אין דיין טאג.

האב נישט מורא פון זיין נאריש. אנדערש וועסטו דארפן אויפגעבן אויף דעם פראגראם. מען זאגט אויפ'ן גר"א אז ווען ער איז געווען יונג האט ער זיך אפגעשיידט פון זיין סביבה. ער האט זיך געפונען אין זייער א גוטע סביבה אבער ער האט זיך נישט צוטון געמאכט פון זיי, ער האט געטון וואס ער האט געטראכט איז ריכטיג און דורכדעם איז ער אויסגעשטיגן זייער גרויס. דערפאר, זאל דיר נישט אנגיין וואס די וועלט וועט טראכטן איבער דיר - דו באשטים די איינע מינוט צו רעדן צום באשעפער כאטש איין מאל א טאג, נישט קיין חילוק וואס. דו ביסט יעצט אן אוואנטוריסט; דו טוסט אנדערש ווי דער אויסגעטראטענער גאנג, דו טוסט עפעס פאר דיר אליין.

## האלט עס ביי דיר

איך וועל באטאנען די ווערטער נאכאמאל, "פאר דיר אליין." דאס איז זייער וויכטיג, אז דו דערציילסט קיינעם נישט דערפון! איינמאל דו דערציילסט עס צו אנדערע, האסטו רואינירט דעם גאנצן פראגראם. ווייסטו פארוואס? עס שטייט (משלי כג:ט): **בְּאָזְנֵי כְסִיל אַל תְּדַבֵּר**- דו זאלסט נישט רעדן אין די אויערן פונעם נאר, **כִּי יָבוּז לְשֵׂכֶל מִלֶּיךָ** - ער וועט פארשעמען די חכמה וואס ליגט אין דיינע ווערטער.

דערצייל נישט פאר קיינעם. עס שטייט (שם. ה:יז), **יִהְיוּ לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָרִים אִתָּךְ** - עס זאל זיין פאר דיר אליין און פרעמדע זאלן זיך נישט באטייליגן מיט דיר. פראביר עס נישט צו דערציילן פאר דיין רבי - קען זיין ער האט קיינמאל נישט געטראכט דערפון און ער וועט עס נישט שעצן. דערצייל עס נישט

פאר דיין ווייב אדער דיינע עלטערן אדער דיינע פריינט. חס ושלום דאס צו דערציילן פאר דיינע פריינט, ווייל דו ווייסט, דו קענסט האבן א גרויסע אנטוישונג. זיי אן אוואנטוריסט און טו וואס דו דארפסט צו טון - הייב אן ארויפקריכן דעם לייטער אליין.

## אנהייבן און אויפהערן

אלזא, לאמיר זאגן דו באשליסט עס צו טון און נישט בלויז איין מאל; דו טוסט עס צוויי מאל. יעצט ביסטו צוויי טרעפלעך נענטער אין דעם מיליאן מייל ווייטקייט; דו ביסט שוין א פראפעסיאנאלער קריכער. דער געדאנק איז מער נישט אזוי פרעמד. יעצט קענסטו זיך אונטערנעמען עס צו טון יעדן טאג. אינעם דריטן טאג, גייסטו ארויף נאך א טרעפל, די פערטע טאג נאך א טרעפל און אזוי ווייטער.

טו עס יעדן טאג פאר איין חודש און דערנאך שטעל זיך אפ. פארוואס זיך אפשטעלן? ווייל נאך א שטיק צייט וועסטו מיד ווערן דערפון און די ווערטער מיינען שוין גארנישט. דו ווערסט זיי סתם אפמורמלען. עס וועט ווערן ווי קריאת שמע אינדערפרי. דער ספר חשבון הנפש זאגט דאס, אז ווען מען וויל אנהייבן אזא סארט פראגראם, איז א גוטע עצה זיך אפצושטעלן אמאל אמאל און זיך אפרוען - דערנאך קומט מען צוריק דערצו אביסל שפעטער און מ'הייבט נאכאמאל אן. דו שטעלסט זיך אפ אפצורוען און דערנאך הייבסטו צוריק אן ארויפצוקלעטערן.

יעצט שטעל זיך פאר, אויב דו האלטסט עס אן א גאנץ לעבן; דו טוסט זיך איינגעוואוינען יעדן טאג צו רעדן צום באשעפער איין מינוט א טאג. אויב וועסטו דאס טון - מיט די פאסיגע אפשטעלונגען פון צייט צו צייט צוריקצוכאפן די גבורת הנפש וואס דו האסט פארלוירן דורך די געוואוינהייט - דאן וועלן גרויסע זאכן פאסירן מיט דיר. דו וועסט ווערן איבערראשט ווי נאך א שטיק צייט וועסטו פאקטיש אנהייבן צו גלייבן אין באשעפער. דאס איז א גרויסער חידוש! דו ביסט נישט בלויז א מאמין וואס מורמלט אפ די ווערטער נאכ'ן דאווענען: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה..." און געענדיגט, ניין, דו ווערסט א קאפ העכער ווי יעדן!

אויב וועסטו נאכפאלגן דעם פראגראם, וועסטו ווערן א מאמין. טאקע נאכנישט ווי די צדיקים וועלכע זענען נישט מסיח דעת קיין איין רגע פון באשעפער, אבער מיר טארן נישט פארזען די קליינע טריט אויפ'ן לייטער - אזוי זענען אויך די צדיקים אנגעקומען צו זייערע מדריגות. און דאס איז גאראנטירט אז מיט די צייט וועסטו זיך טוישן פון קאפ ביז פיס. עס וועט דיר איבערמאכן דיין פערזענליכקייט אינגאנצן, ווייל דאס איז נישט בלויז א מינוט א טאג; יעדן טאג איז נאך א טריט ארויף און דאס מיינט אז דו קריכסט ארויף אויף יעקב'ס לייטער יעדן טאג.

# חלק ב. אלעס איז דער באשעפער

## א צווייטער פראגראם

אצינד וועלן מיר דורכטון א צווייטן פראגראם. אבער ווען מיר זאגן א צווייטן פראגראם מיינט עס נישט אנשטאט די ערשטע, נאר דאס איז נאך א לייטער וואס ווען עס ווערט צוגעלייגט צו די ערשטע טוישט עס א מענטש'ס לעבן נאכמער. ווי איך האב פריער געזאגט, אויב דו ווילסט באמת שטייגן הויעך, קענסטו ארויפקלעטערן אפאר לייטערס אין די זעלבע צייט.

אלזא, לייטער נומער צוויי איז דער פראגראם פון אנערקענען אין יעדע זאך ארום אונז די האנט פון באשעפער. מיר וועלן אנרופן דעם מעטאד, '**בראשית ברא אלקים**' - אין דער אנהייב, האט אלקים אלעס

געמאכט! דאס מיינט, אז עס איז גארנישט דא אין די וועלט וואס איז נישט דער דבר ה'; פון די שטערנס אויבן ביז די מורישקעס אונטן, אויף אלע זייטן האבן מיר דערמאנונגען אונז צו מאכן טראכטן פון באשעפער; וואספארא גרויסע אחריות, א געוואלדיגע געלעגנהייט, ווייל דאס מיינט אז מיר האבן יעצט א לייטער וואס איז אלעמאל גרייט פאר אונז צו קריכן; וואו אימער דו דרייסט זיך זענען דא טרעפלעך ארויפצוקריכן דערויף.

דאס איז דער טעם צוליב וואס די וועלט איז באשאפן געווארן. **וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה** - פארוואס האט דער באשעפער געמאכט די וועלט? **שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו** - כדי מיר זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער אים (קהלת ג:יד). דאס מיינט, כדי מיר זאלן האבן געלעגנהייטן צו ארויפקריכן אויפ'ן לייטער צום באשעפער. עס איז נישט אז, מיר זענען אויף די וועלט און דרך אגב קענען מיר זען דעם באשעפער; אה ניין, דאס איז די גאנצע צוועק צוליב וואס מיר זענען אויף די וועלט! מיר זענען ערווארטעט צו ניצן די וועלט ארום אונז, אלעס וואס מיר זעען, צו ארויפקלעטערן די טרעפלעך פון באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער.

## זיך אפלערנען פון אברהם אבינו

די שטערנס זענען טרעפלעך פאר דיר צו ארויפקלעטערן. דער בוים איז נאך א טרעפל. דער בלויער הימל איז כדי ארויפצוקריכן און אויך דער גרויער הימל. די גראז, די רעגן, די שניי, די וואלקענעס, די בלעטער; זיי זענען אלע באשאפן געווארן צו קענען ארויפקריכן אויפ'ן לייטער צום באשעפער.

דאס איז וואס אברהם אבינו האט געטון. אברהם האט געקוקט אויף די וועלט ארום אים און דורכדעם האט ער אנערקענט דעם באשעפער. ער איז געווען אן אנטוויקלט קינד - עס שטייט, בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו, ווען אברהם איז געווען דריי יאר אלט, האט ער שוין אנערקענט זיין באשעפער.

עס זענען דא אין די היסטאריע פעלער ווי א זיבן יעריג קינד איז שוין געגאנגען צו הארווארד אוניווערזיטעט. אברהם איז, פארשטייט זיך, געווען פיל בעסער ווי דאס ווייל אוניווערזיטעט איז א פלאץ פון עבודה זרה, אן ארט פון נארישקייטן, פון משוגעת. מערסטנס לעקציעס ווערן דארט איבערגעגעבן דורך פרויען, שיכורים און דאס גלייכן.

אברהם איז נישט געגאנגען צו אוניווערזיטעט. ער האט נישט געדארפט האבן קיין שולע ווייל די גאנצע בריאה איז געווען ווי א שולע פאר אים; ער איז געגאנגען צו די אוניווערזיטעט פון עולם הזה, פון זען דעם באשעפער אין די נאטור, און ער האט געזען בעסער ווי סיי וועלכער פראפעסאר וועט אמאל זען. ער האט דורכשטודירט די וועלט ארום אים און ער האט געזען חכמה און א פלאנירונג און א ציל איבעראל; דורך קאמפליצירטע באשאפונגען אויף אלע זייטן, האט ער שוין אין עלטער פון דריי יאר זיך פארגעשטעלט אז עס איז דא א פלאנירער צו די וועלט.

און ער האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו טראכטן! ער וואלט געקענט זאגן, "איך גלייב; איך האב געענדיגט." אה ניין, דאס איז נישט אמונה. אברהם האט געהאלטן אין איין שטייגן. דערפאר זאגט דער רמב"ם, בן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו - אין עלטער פון פערציג יאר האט אברהם אנערקענט זיין באשעפער. דאס זעט דאך אויס ווי א סתירה; איז עס געווען ביי דריי אדער ביי פערציג? און דער רמב"ם ברענגט א מדרש פון וואס מיר פארשטייען אז ביידע זענען ריכטיג.

## ער האט נאכאנאנד געקוקט

דער ענטפער איז אזוי: אין עלטער פון דריי יאר האט אברהם אנטדעקט דעם סוד אבער דאס איז נאר געווען דער אנהייב; ער האט פארשטאנען אז ער האט נארוואס אנטדעקט א לייטער און אז ער שטייט

אינגאנצן אונטן. אצינד הייבט מען אן ארויפצוקריכן. און אזוי, פון דריי יאר אלט האט ער פארגעזעצט בייטאג און ביינאכט צו קוקן. ווען ער איז פארביי א פערישקע (פיט"ש) האט ער זיך אפגעשטעלט צו קוקן אויף די וואונדערליכע פרוכט ווייל ער האט פארשטאנען אז ער האט נאך א לאנגע וועג ארויפצוקריכן. ער האט געקוקט אויף די רויטליכער קאליר דערויף; עס האט אביסל רויט. ס'איז אזוי הערליך. פארוואס איז עס רויט? "אה," האט אברהם געזאגט, "דאס איז די האנט פון באשעפער. ער וויל איך זאל אים באמערקן; ער האט געמאכט שפראצן די פרוכט אויפ'ן בוים כדי איך זאל האבן די געלעגנהייט צו ווערן מער באוויסזיניג צו אים."

און ווען ער איז אנגעקומען צום קערל האט ער דאס אויך באטראכט. פארוואס איז דאס קערל פון די פערישקע אזוי הארט? אפילו א חי' קען דאס נישט עסן! ער קען עס נישט אויפברעכן! אפילו מיט א פעסטער צוועגל קען מען עס נישט צעברעכן! פארוואס איז עס אזוי? נאך אלעם האט עס איינער געמאכט; וואס איז געווען זיין צוועק עס צו מאכן אויף דעם אופן? דער ענטפער איז, דער באשעפער וויל באשיצן די זאמען פון אינעוויייניג. די זאמען אינעוויייניג האט א גוטער טעם, כמעט ווי א מאנדל, און דער באשעפער וויל באשיצן דעם צוקומפט פונעם פערישקע בוים; מאכט ער אויף די זאמען א צודעק וואס איז אזוי הארט אז אפילו מיט א זעג קען מען עס נישט עפענען. קיין שום זאך אויף דעם גאנצן בוים איז אזוי הארט ווי דאס קערל.

אבער אויב ווען סטו ארייינלייגן דאס פערישקע קערל אין די ערד, וועט זיך עס עפענען אליין. עס געבט ארייין די זאמען אין די ערד און א בוים וואקסט ארויס דערפון! נסים אויף נסים! די קליינע זאמען האט אין זיך כאטש איין מיליאן פרטים פון אינפארמאציע! און יעדע איינע איז וויכטיג; יעדע ארבעט אין א געוויסע רייע איינע נאך די אנדערע און פון די קליינע זאמען ווערט ארויסגעגעבן א בוים מיט א שטאם און האלץ און ווארצלען און בלעטער און בלומען און פרוכט. פרוכט מיט א קאליר און טעם פון זאמען?! ווי אזוי קען אזא זאך פאסירן? און די פרוכט האבן נאך זאמען דערין!

## דער לייטער דערגרייכט העכער

אברהם האט נישט געלאזט אזעלכע זאכן אריבערגיין. ער האט זיך אפגעשטעלט נעבן דעם בוים און געטראכט איבער דעם וואס ער זעט. און ער האט עס געטון נאכאמאל און נאכאמאל - ער האט ווידעראמאל געקוקט אויפ'ן בוים דעם קומענדיגן טאג און נאכאמאל א טאג נאכדעם, ווייל ער האט פארשטאנען אז ער קריכט ארויף אויף א לייטער און יעדעס טרעפל איז א טריט נענטער צו שלימות. וועט איר פרעגן, "זאל איך זיך אפשטעלן באטראכטן א בוים יעדן טאג?!" יא! יעדן טאג! אברהם אבינו האט נישט געזוכט קיין תענוגים - ער האט געזוכט דעם באשעפער.

אזוי האט אברהם געלעבט און ווען ער איז געווארן פערציג יאר אלט, בן ארבעים לבינה, האט ער נאכמער פארשטאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. ווען ער איז אנגעקומען צו די פערציג איז ער שוין זיכער געווען פיל מער פאראויס מיט זיינע שטודיעס און דאך האט ער זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט פון ארויפקלעטערן. פאר מער ווי הונדערט יאר ווייטער, בייטאג און ביינאכט, בייטאג און ביינאכט, האט ער פארגעזעצט צו באטראכטן אלעס ארום אים און ארויפקלעטערן דעם לייטער פון 'בראשית ברא אלקים'.

## פרעג נאכאנאנד שאלות

עס נעמט צייט פאר א מענטש צו ארייננעמען אין קאפ אז אלעס אין די נאטור טוט עדות זאגן אויפ'ן באשעפער. פארוואס איז דאס אז די עפל ווערט רויט ווען עס איז זיס און געשמאק צו עסן, אבער

ווען עס איז זויער און הארט איז עס נאך גרין? ווייל גרין באהאלט זיך צווישן די בלעטער אז דו זאלסט עס נישט זען. אלע נישט רייפע פרוכט זענען גרין זיך צו באהאלטן צווישן די בלעטער, און ווען זיי ווערן רייף טוישן זיי קאליר אז דו זאלסט זיי באמערקן. געוויסע ווערן רויט. מאראנצן ווערן גאלד/אראנזש. באנאנעס ווערן געל. טרויבן ווערן פורפל. עס זענען דא אלע קאלירן אויף דיביימער!

פארוואס זענען דא די קאלירן? פון וואו קומען די קאלירן? די זאמען זענען נישט געווען קאלירפול. צי קען מען פאבריצירן די קאלירן? פראביר צו נעמען אביסל וואסער און שמוץ און מיש עס אויס - צי קענסטו פראדוצירן א קאליר אין דעם אופן ווי דעם באשעפער'ס זאמען טוען עס? אוממעגליך! דאס איז א מערקווירדיגער נס!

אזוי לערנט מען זיך צו קוקן אויף אן עפל און זאגן צו זיך, "זע ווי אזוי דער עפל ווייזט דעם באשעפער'ס גדלות, זיין וואונדער! דער עפל איז א מייסטערווערק! קיינער קען נישט פראדוצירן אזא עפל מיט אזא הערליך קאלירטע הויט. אינעווייניג איז דא א זאפטיגע פרוכט. ווילאנג עס איז דא די הויט ווערט די עפל נישט פארפוילט. און אינעווייניג, ווען דו ענדיגסט עסן, זענען דא זאמען וואס יעדע פון די זאמען ענטהאלטן אין זיך מיליאנען צייכענונגען וואס באשטימען ווי אזוי צו פראדוצירן נאך אן עפל בוים. דאס זענען ניסים אויף ניסים."

אט די מראה ווערט איבערגע'חזר'ט ארום דיר אין מיליאנען און מיליאנען אופנים. וואו דו גייסט קענסטו זען די האנט פון באשעפער. און בשעת א מענטש לערנט זיך צו טראכטן, 'פארוואס איז עס אזוי? צי זע איך דען נישט די חכמת ה' אין די נאטור?' הייבט ער אן צו זען א פלאן און ציל וואו ער גייט. ער טראכט נאכאנאנד פון באשעפער ווייל ער קען זען דעם באשעפער איבעראל. ער האט גענוג טרעפלעך צו ארויפקריכן און ער טוט פארזעצן צו טראכטן די מחשבות. ער זאגט נישט, "איך האב שוין געהערט פון די פערישקע קערל; איך ווייס שוין אלעס דערוועגן." ער קוקט נאכאמאל און נאכאמאל און בשעת די יארן גייען פארביי ווערט עס אים אזוי קלאר אז ער זעט דעם פלאן פון באשעפער איבעראל.

## דער נס פון קינדער

און ווען ער זעט א קינד אויף די גאס פארשטייט ער אז ס'איז נאך א געלעגנהייט צו ארויפקריכן העכער אויפ'ן לייטער. אט איז א פרוי וואס גייט אין גאס און א קליינער אינגל האלט אן די קינדער וועגל. א קליינער אינגל, ער איז דריי יאר אלט. וואו איז ער געווען דריי יאר צוריק? דריי יאר צוריק איז ער געווען אין די אטלאנטיק אקעאן. ער איז געווען מערסטנס וואסער. ער איז וואסער. 80% איז וואסער. 20% איז לופט און א קליין ביסל זאמד; מערסטנס לופט און אביסל זאמד. אלזא, ווי אזוי איז די קאמבינאציע פון וואסער מיט לופט און זאמד זיך צוזאמגעקומען צו באשאפן א מענטשליכער קערפער? א קינד - א קליינער אינגל - איז א פערפעקטע בריאה. ער האט אויערן און אויגן און א מויל. ער האט ציינער. ער האט פיס. ער האט מוסקלען. ער טאנצט ארויף און אראפ. זיין הארץ קלאפט. ער האט נירן. ער האט אלעס. ווי אזוי איז אט די קאמפליצירטע פאבריקאציע צושטאנד געקומען בלויז פון לופט און וואסער?

דער ענטפער איז, עס איז א נס! דריי יאר צוריק איז ער גארנישט געווען בכלל. זיין מאמע האט געגעסן קארטאפל און געטרונקען וואסער און פון דעם איז ארויסגעקומען א קליינער אינגל.

קוקסטו אויף א קליינער אינגל און דו זעסט די האנט פון באשעפער אין די וועלט. דרך אגב, דו דארפסט טרענירן דיינע אויגן דאס צו טון. און אויב דו טראכסט דערפון ווען דו זעסט א קליינער אינגל היינט, און דערנאך טראכסטו ווידעראמאל ווען דו זעסט א קליינער אינגל מארגן, און אויך דעם טאג

דערנאך, דאן וועסטו צוביסלעך זיך לערנען ווי אזוי צו דערקענען דעם באשעפער אין די וועלט - סיי ווען דו וועסט זען א קינד, וועסטו זען די האנט פון באשעפער.

## א וועלט פון געלעגנהייטן

דערפאר זענען אונזערע אויגן דא, פאר דעם צוועק צווישן אנדערע זאכן; צו זען דעם באשעפער אין די נאטור אויף אלע זייטן ארום אונז. איך האב בלויז ארויסגעקליבן עטליכע ביישפילן, אבער די וועלט ארום אונז איז פול מיט די חכמה פון באשעפער, אן קיין סוף - עס איז נישטא קיין ענדע דערצו! די וויסנשאפטלער טוען יעדן טאג אנטדעקן נייע זאכן - ס'איז מערקווירדיג ווי טיף איז די חכמה אפילו אין די קלענסטע זאך אויף די וועלט; יעדער נאטורליכער געגנשטאנד איז אזוי טיף און דאס איז בלויז פאר דעם איינעם צוועק: **וְהָאֱלֹקִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו** - ער האט דאס געמאכט כדי מיר זאלן האבן געלעגנהייטן צו ווערן מער און מער באוואוסטזיניג איבער אים.

ער האט באשאפן די וועלט כדי מיר זאלן באטראכטן די וועלט און זאגן, "ווער האט דאס געמאכט?" עס איז נישטא קיין איין איינציגער געגנשטאנד אין די וועלט, אויב ווייל מען אביסל אריינטראכטן, וואס טוט נישט פארשטעלן א קאמפליצירטער פלאן און ציל. יעדע זאך אין די וועלט טוט עדות זאגן אויפ'ן באשעפער און עס איז געמאכט געווארן פאר דעם צוועק אונז צו העלפן ארויפקריכן אויפ'ן לייטער העכער און העכער, צו קונה זיין שלימות צוליב וועלכן מיר זענען באשאפן געווארן.

# חלק ג. נאר פאר'ן באשעפער

## אן אפט איגנארירטע הלכה

נומער דריי אויף אונזער ליסטע; אונזער דריטער לייטער איז, וואס מיר לערנען אין די משנה: **וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם** - סיי וואס דו טוסט, זאלסטו טון לשם שמים (אבות ב:ב). ס'איז אויך א הלכה אין שלחן ערוך (אורח חיים רלא). עס דארף זיין גענוג פאר אונז דאס אז ס'איז א משנה אבער עס טראגט נאך א שטארקערע געוויכט ווען עס שטייט אויך אין שלחן ערוך.

און כאטש וואס ס'איז א הלכה, איז דער אמת אז עס ווערט היינט כמעט נישט אויסגעפירט. כל מעשיך מיינט אלע דיינע מעשים זאלן געטון ווערן לשם שמים. אלע! דאס איז עפעס פיל העכער ווי דער שפיץ פונעם לייטער!

אבער איינמאל מיר געדענקען די לערע וואס מיר שמועסן דא אויס ביי דעם שיעור, אז דער אונטן פונעם לייטער איז **מֻצָּב אַרְצָה**, עס שטייט פונקט דא אויף דער ערד, איז פארשטייט מען אז יעדער פון אונז קען ארויפקריכן דערויף. און אפילו מיר זענען אפשר זייער ווייט פונעם שפיץ, פונדעסטוועגן, איינמאל מיר הייבן אן, ווייסן מיר אז מיר קריכן שוין ארויף און מיר קומען אן העכער.

## אין טעגליכן לעבן

יעצט, ווען א מענטש הייבט פאקטיש אן אריינצוקוקן אין זיין טאג זעט ער אז בלויז א זייער קליינער טייל ווערט אפגעגעבן פאר עבודת ה'. אויב דו לערנסט תורה א גאנצן טאג, נו, איז אפשר פילסטו אז דו שטייסט גוט. אפילו דער כולל יונגערמאן דארף געדענקען צו לערנען לשם שמים אבער כאטש געפינט ער זיך אין בית המדרש, ווערט ער דארט דערמאנט דערצו. אבער לאמיר זאגן דו ביסט א מענטש וואס דארף ארבעטן פאר פרנסה; דו ארבעטסט אפשר פון ניין ביז פינף. איז דאוועוונסטו אינדערפרי, מאכסט

אויך אפאר ברכות, און דאן לאזטו זיך ארויס צו די ארבעט - פון ניין ביז פינף, וואו איז דיין עבודת ה'? אודאי, ביי מיטאג צייט וואשסטו זיך די הענט, דו מאכסט א ברכה המוציא, דו זאגסט ברכת המזון, אבער מערסטנס צייט וואס טוסטו?

דו ווילסט אנהייבן ארויפקריכן אויפ'ן לייטער פון **'כל מעשיך יהיו לשם שמים'**? איז בשעת דו ביסט אויפ'ן וועג צו די ארבעט, דו פארסט מיט'ן באן, נעם אראפ אפאר סעקונדעס און זאג, "איך גיי יעצט צו די ארבעט לשם שמים."

פארוואס איז עס לשם שמים? ווייל דער באשעפער וויל דו זאלסט ארבעטן. **שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד** - "זעקס טעג זאלסטו ארבעטן," זאגט דער באשעפער. ער וויל דו זאלסט פארדינען געלט און זיך אפגעבן מיט דיין משפחה. ווען דו האסט חתונה געהאט האסטו געמאכט א קנין אויף די כתובה. יעדער חתן נעמט א טאשטיכל און ער איז זיך מתחייב; "**ואני אפלח** - איך גיי צו די ארבעט, **ואיזון ואפרנס** - און איך וועל שטיצן מיין ווייב." איז פארסטו אויפ'ן באן און דו טראכסט, 'איך מוז איינהאלטן מיין צוזאג. דאס איז נומער איינס.'

'צווייטנס, איך קען נישט לעבן אין א פאס און דאס מיינט אז איך דארף באצאלן דירה געלט און אויך אנדערע אויסגאבן. אויך דארף איך באצאלן שכר לימוד פאר מיינע קינדער; איך גיי נישט שיקן מיינע קינדער צו פאבליק סקול חס ושלום. איך גיי יעצט ארבעטן אז איך זאל קענען באצאלן שכר לימוד און טון מיין טייל אין בויען דעם בית ישראל.'

## קלעטערן העכער

אויב דו טראכסט דעם געדאנק - נאך בעסער, זיי א 'נאר' און זאג עס מיט דיין מויל - ווי אומגלויבליך עס קען זיך הערן, זאלסטו וויסן אז דאס ווערט גערופן עבודת ה'. דו האסט שוין אנגעהויבן ארויפקריכן אויף דעם לייטער.

דו ווילסט ארויפגיין נאך א טרעפל? אינמיטן טאג זאגסטו, "דער קומענדיגער קונה וואס שפאנט אריין, וועל איך האנדלען מיט אים לשם שמים. איך גיי קויפן אדער פארקויפן - סיי וואס עס איז דיין באשעפטיגונג - אבער איך גיי עס טון ווייל דאס איז וואס דער באשעפער וויל פון מיר." דו גייסט ווייטער טון די זעלבע פעולות - דו וועסט קויפן אדער פארקויפן סחורה, דו וועסט האפנטליך מאכן ריווח - אבער דו טוסט עס לשם שמים.

אין אנהייב קען זיך עס שפירן ווי נישט אויפריכטיג ווען דו זעסט א קונה אריינקומען און דו זאגסט, "מיינע האנדלונגען מיט אים זענען פאר עבודת ה'," פונדעסטוועגן, לאז נישט נאך, ווייל דו קלעטערסט יעצט ארויף.

## א מאמע'ס לעבן

אצינד, לאמיר זאגן דו ביסט נישט קיין סוחר; דו ביסט א מאמע. אהא! איז דאס א געלעגנהייט - ס'איז א טראגעדיע אז אלץ מער און מער מאמעס מאכן נישט ניצן דערפון. אט איז א געטרייע ווייב, א געטרייע מאמע, וואס סערווירט נאכטמאל פאר איר מאן. "זיכער," וועסטו זאגן, "וואס דען זאל איך טון? ער איז מיין מאן. יעדע געטרייע ווייב וואלט דאס געטון."

אבער אויב ביסטו געטריי צום באשעפער, וועסטו זיך איינגעוואוינען צו צולייגן די מחשבה אז דו טוסט עס פאר אים. איין מאל א טאג טראכט, 'איך סערוויר יעצט נאכטמאל פאר מיין משפחה אבער אייגנטליך דין איך דעם באשעפער דורכדעם. איך פיר אויס זיין רצון ווען איך שפייז מיין משפחה. איך ברענג קינדער אויף די וועלט, איך ערצי מיינע קינדער צו דינען דיר, באשעפער. איך רוים מיין הויז, איך

באד די קינדער, איך קאן נאכטמאל פאר די משפחה, אלעס כדי דיר צו דינען, באשעפער.' דאס איז די עבודה וואס דער באשעפער וויל פון דיר, און דו טוסט עס! מעגסטו עס כאטש אויך טראכטן.

## עסן לשם שמים

עסן איז נאך א געלעגנהייט. מערסטנס פון אייך עסן יעדן טאג, ניין? און דערפאר, וויבאלד עסן איז עפעס וואס מיר דארפן סייווי טון, איז עס א וואונדערליכע געלעגנהייט. פארוואס זאלסטו נישט פראבירן צו עסן לשם שמים? דו זעצסט זיך אראפ ביים טיש צו עסן און דו זאגסט, "איך עס כדי צו האבן כח צו דינען דעם באשעפער." דער אמת איז אז דאס איז א גוט באקאנטע השקפה צווישן אידן. צי ס'ווערט אויסגעפירט אדער נישט איז אן אנדער מעשה אבער ס'איז א השקפה וואס איז כדאי מיר זאלן טראכטן דערפון.

און אויב מיר טראכטן דערפון, קענען מיר דאס שוין אויך אויספירן. 'אאה,' טראכסטו, 'דאס איז א שווערע זאך.' אבער דער אמת איז אז עס איז נאר שווער ווילאנג דו הייבסט נאכנישט אן ארויפצוקריכן. פראביר עס ביי נאכטמאל: "איך עס יעצט כדי איך זאל קענען זיצן און לערנען ביינאכט. איך דארף האבן כח צו לערנען און די פלייש גייט זיין מיין גאזאלין! מען דארף אריינלייגן גאזאלין אין אן אויטאמאביל עס זאל קענען פארן, אזוי לייג איך אריין אביסל מער גאזאלין אין מיין וואגן אז איך זאל קענען דינען דעם באשעפער."

דיין ווייב וועט פרעגן, "חיים! וואס זאגסטו?"

"נע, גארנישט. איך רעד צו מיר אליין."

אויב דיין מאמע איז דערביי, זאג עס נישט. ווארט ביז זי גייט ארויס פון צימער וואו דו זיצט און דאן זאג עס - קיינער דארף דיר נישט הערן. אויב דו ביסט אין ישיבה, לייגן דיין האנט אויף דיין מויל און זאג די ווערטער, "איך עס מיטאג לשם שמים." קיינער זאל דיר נישט הערן עס זאגן, אבער דאך זאג עס.

## טו עס ריכטיג

יעדע מאל דו זעצט זיך אראפ עסן ברויט זאג, "איך עס די שטיקל ברויט לשם שמים." צי דען פילט זיך עס נישט מאדנע? צומאל וועסטו דארפן זיין מאדנע אויב דו ווילסט עפעס אויפטון אין לעבן. אפילו אויב דו טוסט עס בלויז איין מאל וועסטו זיך קענען גרויס האלטן אויף דער עלטער, "איך געדענק פיל יארן צוריק ווען איך האב געהערט רעדן איבער די נושא און איין מאל ווען איך האב זיך אראפגעזעצט עסן פרישטאג, פאר איך האב געמאכט א ברכה האב איך געזאגט, 'איך גיי יעצט עסן לשם שמים.'"

אודאי אויב איז עס עפעס וואס גייט דיר נישט העלפן; לאמיר זאגן דו האסט געקויפט א פעקל שאקאלאד און דו לייגסט זיך אריין אין בעט מיט א צייטונג און דו ווילסט זיך לאזן וואוילגיין דערמיט פאר א שעה צייט און דו זאגסט, "איך טו עס לשם שמים" - נו, איך ווייס נישט אויב שמים וואלט מסכים געווען דערמיט. דאס איז פארקערט פון ווערן שטארק צו דינען דעם באשעפער. אויב דו שטאפסט זיך אן מיט אלע מיסט העלפט עס דיר נישט צו ווערן שטארקער און געזונטער. אבער ווי ווייט מעגליך, קענסטו מאכן דיין עסן אלס לייטער צו ארויפקריכן צום באשעפער.

## די עבודה פון שלאפן

אצינד, לאמיר זאגן דו האסט פארגעסן פון אונזער פראגראם. דו האסט אינגאנצן פארגעסן פון יעקב'ס מראה און דיין עבודה פון ארויפקריכן אויפ'ן לייטער און מען האלט שוין ביים סוף טאג. א שאד! ניין, ניין; ס'איז נאכנישט פארלוירן אלע האפענונגען, ווייל ווען דו גייסט שלאפן קענסטו דאס

אויך טון לשם שמים. שטעל זיך פאר דו גייסט היינט נאכט שלאפן, דו ביסט מיד און דו לייגסט זיך אריין אין בעט, דיין קאפ פאלט ארויף אויפ'ן קישן - "אה, ווי געשמאק," און דו רוהסט זיך אפ און פאלסט אריין אין א גוטן שלאף. איז דאס נישט א שאד? דו האסט פארלוירן א גאלדענע געלעגנהייט!

צי וואלט דיר עס געקאסט עפעס געלט צו זאגן פריער, "באשעפער, איך גיי שלאפן כדי צו האבן כח דיר צו דינען מארגן"? דאס איז א גאלדן גרוב! יעדע נאכט פאר דו גייסט שלאפן זאג - קיינער זאל אודאי נישט הערן - "איך גיי שלאפן לשם שמים כדי צו האבן כח צו דינען דעם באשעפער."

דו דארפסט שעפן פרישע כוחות פאר דעם קומענדיגן טאג צו דינען דעם באשעפער. דו דארפסט טון גוטע מעשים. דו דארפסט אויספירן פיל פליכטן און עס פאדערט א שטארקן קערפער, עס דארף האבן ענערגיע. אפשר וועסטו אים קענען דינען אויך אויב דו וועסט זיין וואך א גאנצע נאכט אבער עס וועט זיין א צווייטע דרגה אין עבודה; דיין קאפ וועט נישט זיין דערביי. איז גייסטו שלאפן און דו שטייסט אויף אינדערפרי אויפגעפרישט און פול מיט ענערגיע און דו וועסט דינען דעם באשעפער בעסער.

"איך גיי שלאפן כדי צו האבן כח צו דינען דעם באשעפער." צווערשט איז עס אויסדריקליך נישט אויפריכטיג - דו ווילסט שלאפן, דאס אלעס - אבער די ווערטער וועלן מיט די צייט איבערארבעטן דיין כאראקטער. זאג עס און זאג עס און זאג עס און לאז נישט נאך, און עס וועט קומען א טאג ווען דו וועסט זיך ארייינלייגן אין בעט און דו וועסט זיין אן עובד ה' דורך שלאפן. שטעל זיך פאר! צו דינען דעם באשעפער דורך איינשלאפן! און עס קאסט נישט קיין געלט! דו וועסט באקומען שכר אויף יעדן נאכט ווילאנג דו לעבסט, אויף אייביג און אייביג! יא! ס'איז א ריזיגע דערגרייכונג! אין געוויסע הינזיכטן ביסטו גרעסער ווי א ראש ישיבה! וואס העלפט עס א מענטש צו זאגן שיעורים און פלפולים אויב ער האט נישט קיין כוונה לשם שמים?

## זיין א היפאקריט

אלזא, איך וויל אייך ווארענען נאכאמאל, אז יעדער וואס הייבט דאס אן וועט ווערן באנומען מיט זארגן אז עס איז נישט אויפריכטיג, ס'איז פאלש. איך זאג 'לשם שמים' אבער אייגנטליך האב איך ליב צו עסן. איך האב ליב צו שלאפן. איך גיי ארבעטן ווייל איך האב ליב געלט. איז פארוואס דערצייל איך מיר מעשיות? וואס איז דער נוצן דערפון?

ווער נישט אנטמוטיגט. דארפסט וויסן אז יעדער מענטש וואס וויל עפעס אויסשטייגן דארף זיין אביסל א היפאקריט. אויב דו וועסט זיין אינגאנצן אויפריכטיג מיט דיר וועסטו בלייבן וואס דו ביסט, דערפאר מוזטו זאגן אויך וואס דו פילסט נישט דערביי. אן קיין ספק! אפילו אויב דו שפירסט נישט קיין שום געפיל אז דו טוסט עס פאר'ן אויבערשטן. פונדעסטוועגן זאג די ווערטער! עס קען זיין עס וועלן אריבערגיין אפאר יאר ביז עס זעצט זיך אריין אין דיין קאפ און טוישט דיין פערזענליכקייט, אבער דו וועסט באלוינט ווערן אויף יעדן טריט וואס דו נעמסט. דער באשעפער וועט דיר באצאלן פאר יעדעס טרעפל וואס דו קלעטערסט ארויף.

## דער באשעפער ווארט

אלזא, איידער מיר ענדיגן אונזער שמועס דארפן מיר זיך דערמאנען פון די צווייטע זייט פונעם בילד, איבער דעם שפיץ פונעם לייטער. מיר האבן ארומגערעדט די גאנצע צייט איבער אונזער פליכט צו ארויפקריכן אויפ'ן לייטער צום באשעפער, פארשידענע מעטאדן אנצוקומען צו שלימות אין באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער אבער מיר דארפן אלעמאל געדענקען אז **וְהִנֵּה הַשֵּׁם נִצָּב עָלָיו** - און אט, דער באשעפער שטייט ביים שפיץ פונעם לייטער. דאס ווארט **'נצב'** מיינט אז ער ווארט דארט - ער קוקט אראפ און פאדערט אז דו זאלסט האלטן אין איין ארויפקלעטערן.

מיר קענען טראכטן אז דאס איז א פריוויליגע זאך; "דו ווילסט אנקומען העכער? זייער גוט, געוואלדיג, אשריך. אבער וואס האט עס צו טון מיט מיר? ס'איז נישט פאר יעדן - איך בין פארנומען מיט'ן לעבן, עס מיינט נישט מיר."

אה ניין; ס'איז זייער נישט ריכטיג צו טראכטן אזוי. 'אט, דער באשעפער שטייט ביים שפיץ פונעם לייטער און ווארט אויף דיר!' מיר לערנען דא אז עס איז נישט א פריוויליגע זאך און א מענטש וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף דעם וואס ער האט נישט אויסגענוצט די וועלט זיך צו אויסארבעטן.

## די טיפקייט פון דעם פליכט

דו האסט דאס נישט געוואוסט? דו ביסט נישט אליין. די גמרא אין מסכת פסחים (נד:) זאגט, "עס זענען דא זיבן זאכן וואס זענען פארהוילן פון מענטשן'ס אויגן." זיבן זאכן וואס מענטשן זעען נישט; זיי ווייסן נישט דערפון, וואס איינע פון די זאכן אויף די ליסטע איז נוגע צו וואס מיר רעדן דא; עס איז דער עומק הדין - ווי טיף עס איז דער דין וחשבון אויף יעדן מענטש; וואספארא גרויסע אחריות עס ליגט אויף א מענטש וואס קומט אראפ אויף די וועלט.

מערסטנס מענטשן אנערקענען דאס נישט. כמעט קיינער ווייסט נישט ווי גרויס עס איז דער עומק הדין; ווי טיף און דורכדרינגליך, איז די אחריות פון יעדן מענטש אויף די וועלט. **מִשְׁפָּטֶךָ תְּהוֹם רַבָּה** - דיין משפט, באשעפער, איז ווי דער גרויסער אפגרונד. מענטשן ווייסן נישט אז עס ווארט זיי אפ זייער א גרויסער משפט.

## ס'איז קיינמאל נישט גענוג

אפילו דו ביסט א פרומער מענטש, אפילו דו לעבסט על פי תורה, אויך אויב דו היטסט ערליך די מצוות, דו לערנסט תורה, דו האסט א פאמיליע, דו דינסט דעם באשעפער מיט חסד צו אידן טוענדיג אלע סארט גוטע מעשים מיט ערליכקייט, פונדעסטוועגן זאלסטו וויסן אז עס ווארט אפ אן עומק הדין, א גרויסער משפט.

און דאס איז דערפאר, ווייל זיין פרום, ארטאדאקסיש, איז נישט גענוג. עס איז דא א לייטער וואס ווארט אויף דיר צו ארויפקריכן דערויף און א לייטער מיינט אז מען קען ארויפקריכן דערויף. דער לייטער וואס יעקב אבינו האט געזען, וואס דערגרייכט ביז שמים, פאדערט פון אונז צו טון דאס בעסטע וואס מיר קענען. יעדעס קליין ביסל, יעדער טריט, איז גוט, אבער דו דארפסט וויסן אז ס'איז נישט גענוג. זאלסט קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט א מיטלמעסיגע פירונג בלויז דערפאר ווייל אין די דרויסנדיגע וועלט זענען דא אזויפיל מענטשן וואס קוים וואס זיי טוען עפעס מצוות.

צי גייסטו זיך קאמפלימענטירן און קלאפן אין די פלייצע ווייל דו ביסט א געוועגליכער שומר תורה ומצוות? דאס איז נישט קיין וועג צו מעסטן דיינע מעגליכקייטן. יעדער דארף קוקן איבער זיך, אויף דעם לייטער; אויף מענטשן וועלכע זענען בעסער ווי אים, און נישט אונטער זיך. מיר דארפן אלעמאל שטרעבן און פאדערן פון זיך צו אויסניצן די פאטענציאל וואס ליגט אין אונז.

עס איז מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה - דער לייטער ציט זיך ארויף ביז צום הימל! עס זענען דא אסאך טרעפ צו ארויפקלעטערן און דער באשעפער איז **נִצָּב עָלָיו**, ער שטייט איבער דיר און ער פאדערט אז דער לייטער זאל גענוצט ווערן. אבער איינמאל דו הייבסט אן ארויפצוקריכן ביסטו אויפ'ן וועג! דו ביסט אויפ'ן וועג צו **רֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה** - דער שפיץ פונעם לייטער וואס דערגרייכט ביז צום באשעפער און דאס איז וואס איז ערוואַרטעט פון יעקב אבינו און פון די אלע וואס גייען נאך אין זיינע פיסטריט.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**איז עס ריכטיג פאר א מאן צו לערנען אין כולל און לאזן זיין ווייב ארבעטן?**

**תשובה:**

דער ענטפער איז, ווענדט זיך וואו זי ארבעט. אויב די סביבה איז נישט פאסיג פאר איר, אויסדריקליך נישט. זי זאל נישט פארלירן איר נשמה צוליב איר מאן'ס לערנען.

פונדעסטוועגן, אויב קען זי טרעפן א פאסיגער פלאץ צו ארבעטן, כאטש דער געהאלט איז נישט אזויפיל און זיי זענען גרייט צו מוותר זיין אויף באקוועמליכקייטן פאר תורה, אויסדריקליך. ס'איז א זכי'.

ווען א מיידל האט חתונה צו א יונגערמאן וואס זיצט אין כולל און לערנט, דארפט איר וויסן אז די שטוב איז נישט קיין געווענליכע שטוב. עס איז א תורה'דיגע שטוב. עס איז אנגעזאפט מיט דעם גייסט פון תורה. יעדן טאג גייט דער מאן צום כולל און די ווייב גייט צו די ארבעט.

אבער, אויב גייט זי צו די ארבעט און ער זיצט אין הויז ליינענדיג די צייטונג און גייט צום כולל 10:30, האלט איך נישט דערפון. ווען זי גייט צו די ארבעט, דארף ער שוין זיין אין כולל. ער דארף אויך ארבעטן א פולער טאג. ער קען נישט זיצן א שעה ביי מיטאג און מען זאל אים טרעפן שטיין אינדרויסן פון כולל אינדערפרי. זיין ווייב ארבעט - זאל ער אויך ארבעטן.

אבער אויב ער הארעוועט באמת ביים לערנען און זי ארבעט צו מאכן פרנסה, דאס איז א הערליכער אנהייב. און מיט די צייט, ווען ער וועט איבערנעמען דעם פליכט צו ברענגען פרנסה, וועט די משפחה שוין זיין אראפגעשטעלט אויף תורה'דיגע יסודות. די קינדער וועלן שוין זיין איינגעזעצט אלס כולל קינדער. די קינדער וועלן האבן אנגעזאפט דעם גייסט פון א כולל לעבן און דאס וועט פארבלייבן אין זיי א גאנץ לעבן אפילו אויב דער טאטע גייט שפעטער אריין אין ביזנעס מיט עפעס א פאן.


**פרנס השבוע לשאלות ותשובות**

הרב שמעון גרין שליט"א

לרגל אירוסי בתו הכלה תחי' עב"ג החתן הבחור המו"מ בתוי"ש זאב (וואלווי) ראזענבערג נ"י

ויה"ר שהזיווג יעלה יפה בעזה"י ונזכה לראות מהם נחת לרוב

בשריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש